STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05043

OPEN FORUM

Permanent preservation of this book was made possible
by Lew & Rita Gordonson
in memory of
dear parents, Dora & Leon Gershkowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָפּען פאָרום

אונטער דער אויפזיכט פון

אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד

און טאָראָנטער

ארבעטער רינג שטאָט קאָמיטעט

יאַנואַר 22 — מאַי 27, 1928

אין לייבאָר ליסעאום

ווערט א מיטגליד אין ארבעטער רינג

דער גרעסטער, שטארקסטער און זיכערסטער אידישער
ארבעטער־אָרדן אין אמעריקע און קאנאדע

שיקט אייערע קינדער אין אייערע שולן — די
ארבעטער רינג פרץ שולן

און גיט זיי א אידישע ראדיקאלע דערציאונג

שלאָגט פאָר אייער פרוי אלס מיטגליד פון 3טן קלאס
זייער קליינע צאָלונגען

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, צוזאַמען מיט דעם ארבעטער רינג אין טאָראָנטאָ, זיינען פול געווען מיט ספקות אין מעגלאַכן דערפאָלג, בעת מען איז צוגעטראָטן אָרגאַניזירן די זונטיקדיקע „אָפען־פאָרומס".

די אַלגעמיינע אַפּאַטיע פון די מאַסן, די גלייכגילטיקע באַציאונג צום אַק־טיוון פּאָליטישן לעבן, בפרט צום אָרטיקן — דאָס האָט פאַראורזאַכט פון איין זייט דער אומגלויבן אין דערפאָלג און אויסדויער פון די פאָרומס; פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט עס נאָך דרינגענדער געמאַכט די נויטווענדיקייט פון אויפשטעלן אַזאַ שטענדיקע אינסטיטוציע, וואָס זאָל דינען, כאָטש וויפיל ניט איז, אַלס וועקערן, אַלס אויפקלערערן, און ביסלאַכווייז צוריק אַריינבלאָזן אין די מוחות פון די ברייטערע מאַסן דעם רוח החיים פון פּאָליטישן געדאַנק און באַוואוסטזיין.

איצט אָבער קען מען, מיט צופרידנהייט אונטערציען דעם סך הכל פון דעם פאַרגאַנגענעם „פאָרום"־סעזאָן (אין פאַרלויף פון ווינטער 1928). ווען מ'באַטראַכט איצט די טעמעס, וואָס זיינען אין פאַרלויף פון דער צייט באַהאַנדלט געוואָרן; די ערנסטע באַציאונג צו די אויסגעשטעלטע דיסקוסיעס; די הונדערטער באַ־זוכער אויף יעדן „פאָרום"; די איינגעשטעלטע טאָלעראַנץ פון קעגנער צו קעג־נער, און דער עיקר: — דער פאַרלאַנג אויסצוטיילן די „פראַזע", דאָס ביליקע, דאָס דעמאַגאָגישע, נאָר פאַרקערט: — נעמען דאָס ערנסטערע, דאָס טיפערע —

אָט דאָס האָט געמאכט די „אָפּען פאָרומס" פאר אן אמת'ן וויכטיקן דערציאונגס־אנשטאלט אויף דער היגער אידישער ארבעטער־גאס—פאר א טריבונע, צו וועלכער יעדער באציט זיך מיט אנערקענונג.

*   *   *

אלס א גייס ביי אונז אין טאָראָנטאָ, אויף אן אידישער ארבעטער טריבונע, דארף באטראכט ווערן דער כאָר־געזאַנג, וואָס איז, לעצטנס, רעגלמעסיק אָנגעפירט געוואָרן אויף די פאָרומס.

צו וואָס איז דאָס נויטיק געווען?

— צווייערליי כונות זיינען געווען דערביי:

— אנטוויקלען ביי די אידישע מאסן דאָס געפיל און געוואוינהייט פאר קאָלעקטיוויזם ניט נאָר אין מעשים, נאָר אויך אין קונסט.

כאָר־געזאַנג, איז דאָס בעסטע מיטל דערצו.

א ליד איז אָפט דאָס אָנרעגנדיקע, דאָס באגייסטערנדיקע געפיל פאר העלדנטאטן.

מיט דער „מאַרסעליעזע" אויף די ליפן האָבן די פראנצויזישע מאסן געשטורמט די באסטיליע; מיטן רעוואָלוציאָנערן ליד האָבן זיי דורכגעפירט די גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציע.

אונטער די טענער פון „אינטערנאציאָנאל" מאַרשירן די ארבעטער־מאסן פון פארשיידענע פעלקער און לשונות אין איין מחנה.

אונטער די קלאַנגען פון רעוואָלוציאָנערן ליד זיינען באריקאדן געבויט גע־וואָרן; האָבן קעמפער־מארטירער זייערע נשמות אויסגעהויכט.

דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד איז דער טרומייטן־געשאַל, וואָס צינדט אָן ביי די מאסן דעם אימפעט פון קאמף.

דער כאָר־געזאַנג אויף די פּאָרומס איז דעריבער טאקע אויך געוואָרן אַן אומבאדינקטע נויטווענדיקייט.

*   *   *

די „פּאָרומס" פּאָדערן נאָך מער אויסברייטערונג און פארנעם. אין דעם קומענדיקן סעזאָן וועט דאָס געוויס דערגרייכט ווערן.

די אָפּגעדרוקטע לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אויף די „אָפּען פּאָ־רומס" זיינען באשטימט אלס זאמלונגס־העפט פאר יעדן ארבעטער, צו באנוצן זיך מיט זיי אויף צוזאמענקונפטן און פארוויילונגען. אגב איז דאָס דער בעס־טער אויסערלאכער אָנדיינק פאר די „אָפּען פּאָרומס", אין פארלויף פון יאַ־נואר—מאי 1928.

דער אינטערנאַציאָנאַל

שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן,
אין הונגער, לעבן, מוז און נויט!
דער גייסט — ער קאָכט, ער רופט צום וואַפן,
אין שלאַכט אונז פירן איז ער גרייט...

די וועלט פון גוואַלדטאַטן און לײַדן
צושטערן וועלן מיר און דאַן —
פון פרייהייט, גלייכהייט אַ גן־עדן
באַשאַפן וועט דער אַרבעטסמאַן.
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט;
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטסלייט!

ניין, קיינער וועט אונז ניט באַפרייען!
ניט גאָט אַליין און ניט קיין העלד —
מיט אונזער אייגענעם כלי זין
אַ רעטונג ברענגען מיר אויף דער וועלט.

די גרויסע שטורם־טעג, זיי וועלן
נאָר פאַר טיראַנען שרעקלאַך זיין,
זיי קענען אָבער ניט פאַרשטעלן
פון אונז די העלע זונענשיין.

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט;
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטסלייט!

דער אַרבעטסמאַן וועט זיין ממשלה
פאַרשפרייטן אויף דער גאַנצער ערד.
און די פּאַראַזיטן די מפּלה
באַקומען וועלן פון זיין שווערד.

אַראָפּ דעם יאָך! גענוג געליטן,
גענוג פאַרגאָסן בלוט און שוויים!
צובלאָזט דעם פייער, לאָמיר שמידן
כל זמן דאָס אייזן איז נאָך הייס!

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט;
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטסלייט!

אין קוזשניע

אין דער קוזשניע ביי דעם פייער,
שטייט דער שמיד און שמידט —
ער קלאַפּט דאָס אייזן, פונק און פייער פליען
און ער זינגט דערביי א ליד.
ער קלאַפּט דאָס אייזן, פונק און פייער פליען
און ער זינגט דערביי א ליד.

פון דער פרייהייט וואָס וועט קומען —
זינגט ער מוטיק, זינגט ער היים,
און ער שפירט ניט ווי עס גיסט זיך
פון זיין פּנים טייכן שוויים.
און ער שפירט ניט ווי עס גיסט זיך
פון זיין פּנים טייכן שוויים.

שטאַרק באַצויבערט פון די פרייהייט —
זינגט ער ווייטער, און עס קלינגט,
נאָר דער האַמער קלאַפּט נאָך העכער,
און ער הערט ניט וואָס ער זינגט.
נאָר דער האַמער קלאַפּט נאָך העכער,
און ער הערט ניט וואָס ער זינגט.

און די ערד באַצירט מיט בלומען, —
זינגט ער ווייטער זיין ליד,
אָפּגעקילט איז שוין דאָס אייזן,
און ער קלאַפּט און ווערט ניט מיד.
אָפּגעקילט איז שוין דאָס אייזן,
און ער קלאַפּט און ווערט ניט מיד.

ד. עדלשטאַט

אין קאַמף

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פארפאָלגט;
און אלעם דערפאר, ווייל מיר ליבן —
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק.

מיר ווערן געשאָסן, געהאנגען,
מען בארויבט אונז דאָס לעבן און רעכט,
דערפאר ווייל מיר אמת פארלאנגען,
און פרייהייט פאר אָרעמע קנעכט.

אָבער אונז וועט ניט דערשרעקן
געפענגניש און טיראנייו:
מיר מוזן די מענטשן ערוועקן,
און מאַכן זיי גליקלאך און פריי...

שמידט אונז אין אייזערנע קייטן,
ווי בלוטיקע חיות אונז רייסט;
איר וועט אונזער קערפּער נאָר טויטן,
אָבער ניט אונזער הייליקן גייסט...

טיראַנען, איר קענט אים ניט טויטן,
דאָס איז אן אומשטערבלאַכער בלום;
זיינע שמעקנדע, פלאַמענדע קווייטן —
בליען שוין איצט אומעטום...

זיי בליען, אין דענקענדע מענטשן,
וואָס ליבן גערעכטיקייט, ליכט...
אליין די נאַטור טוט זיי בענטשן,
צום קאַמף, צו דער הייליקער פליכט.

באפרייען אָרעמע שקלאַפן,
וואָס שמאַכטן אין הונגער און קעלט;
און פאר דער מענטשהייט באשאפן, —
א פרייע, א ליכטיקע וועלט...

וואו עס זאָל ניט גיסן קיין טרערן,
ניט פליסן אומשולדיקס בלוט;
און מענטשן, ווי גלענצנדע שטערן,
שיינען מיט ליבע און מוט...

מ. ווינטשעווסקי

דאָס ליד פון לוין־שקלאַף

דער הימל געהערט צום רבונו־של־עולם,
צום פּריץ געהערט נאָר די ערד,
די גבורה ליגט היינט אין אן אייזערנעם גולם,—
א כח פון צענדליקער פערד.
די הייזער, די ברייזער, זיי זיינען ניט מיינע,
דעם ים האָט פארנומען די קרוין.
און אַלצדינג פארנעמען די איידעלע, פיינע,
געהובלטע הונדערט פּאַרשוין.
מיין כח, מיין מח, מיין גוף, מיין נשמה
פארדינג איך, פארקויף איך דעם גביר.
איצט פרעגט איר, אין וואָס־זשע באשטייט
מיין נחמה,
וואָס בלייבט, דאכט זיך, איבער פאר מיר?

כאָר: —

דער פרייער גייסט, דער פרישער מוט,
די קאַמף־לוסט בלייבט מיר איבער
די קראפט, וואָס שאפט, און קעמפט און טוט,
און שרעקט זיך ניט פאר רוט און קנוט,
דער מוט צום קריג,
דער נאָענטער זיג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

די וויסנשאפט ליגט בא א טוץ פּראָפּעסאָרן,
די בילדונג — זי איז ניט מיין זאך;
איך, ארבעטער, ווער אָן א לשון, געבאָרן,
און שטארב מיר אוועק אָן א שפּראך.
אביסעלע „שול”ווארפט מען צו מיר אלס צדקה,
די רייכע, זיי האָבן אויף אלץ א חזקה,
איך נעם עס און דאנק זיי דערפאר;
זיי שטאָפּן זיך — איך דאַראון קוואר.
מיין קראפט און מיין זאפט און מיין לייב
און מיין לעבן —
דאָס אלץ איז נאָר מיינס אויף פּאפּיר.
איך לעב ניט צו לעבן, איך לעב נאָר צו געבן,
אלץ גיב איך, אונוואָס בלייבט פאר מיר?

כאָר: —

דער פרייער גייסט, א. אז. וו.

פון ליטעראַטור קריג איך קנאַפּ־וואָס צו נאַשן,
די קונסט איז דעם גביר'ס מאָנאָפּאָל;
די לופט אין די הייזער, דער וויין אין פלאַשן,
די סאַמעט, די זיידנס, די וואָל,
אין באַנקען די שראַנקען, אין זיי די מטבעות,
די אוצרות געהערן צו אים.
איך צאָל אייביק מס און איך זאָג ניט קיין דעות,
צו קלאָג נאָר באַנוץ איך מיין שטים.
מיין קינד, מיין געזונט מוז איך אָפט פון
מיר שיידן
צו דינען דעמדאָזיקן גביר;
מיר גיט מען אַן אָנווייזונג אויפן גן־עדן,
דאָך וואָס בלייבט ביים לעבן פאַר מיר?

כאָר: —

דער פרייער גייסט, א. אז. וו.

דער הימל געהערט צום רבונו־של־עולם,
צום פריץ געהערט נאָר דאָס לאַנד;
די קבצנים פאַרמאָגן דעם אייזערנעם גולם,
איך דין דער מאשין — בין איר האַנט.
די רעדער מיט לעדערנע רימענס און פאַסן,
געשניטן כמעט פון מיין הויט,
באַשאַפן אַן אייגענס פון מילי־מיליאַסן
אין הייזער, וואָס איך האָב געבויט,
אין ריזן־פאַבריקן, וואָס יענע פאַרמאָגן,
געפינענדיק, וואָס איך פאַרליר,
און דאָך איז מיין ענטפער, ווען איר
וועט מיר פרעגן,
א שטייגער: וואָס בלייבט דאָ פאַר מיר?

כאָר: —

דער פרייער גייסט, א. אז. וו.

א. רייזן

מיר ברעכן

די אויגן פול צאָרן, פארגאָסן מיט בלוט;
די הערצער, זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט!
מיר שטייען בא א הויכער געמויערטער וואַנט,
מיט האַמערס און אייזנס און לאָמען אין האַנט—
מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע וואַנט.

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פארצאַמט אונז די וועגן צום לעבן און גליק,
פארשטעלט אונז די ליכטיקע שיין און זי מאכט
פון פרייליכסטן טאָג אונז א טרויעריקע נאַכט.
מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע וואַנט.

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אראָפּ
א שטיין, צי א ציגל טרעפט וועמען אין קאָפּ;
די איבעריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און ארבעטן ווייטער, מען לויפט ניט אוועק.
מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע וואַנט.

די ארבעט דארף דויערן, די ארבעט איז שווער;
פארזאַמלט זיך ברידער, קומט אלע אהער,
זאָל יעדערער צולייגן פעסט נאָר א האַנט,—
מיר וועלן די הויכע געמויערטע וואַנט
צוברעכן, צוברעכן די אייזערנע וואַנט...

העמערל

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער א טשוועק נאָך א טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין ניטאָ,
נאָר צרות און ליידען אָן אן עק!

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
עס שלאָגט שוין דער זייגער באלד צוועלף —
די אויגן, זיי מאַכן זיך צו, —
גיב כוח, אָ גאָטעניו, העלף!...

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך:
ביז מאָרגן מוז פארטיק שוין זיין
דער גבירה'טעס טאָכטערס שיך.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך ארויס!
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!...

א. רייזן

הוליעט, הוליעט!

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן
פריי באהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגן, ווארפט די ביימער,
טוט וואָס איך געפעלט!
טרייבט די פויגל פון די וועלדער,
און פאריאָגט זיי פאָרט!
די וואָס קענען ווייט ניט פליען, —
טויט זיי אויפן אָרט.

רייסט די לאָדן פון די הייזלאך,
שויבן ברעכט ארויס!
ברענט א ליכטל ערגעץ דונקל
לעשט מיט צאָרן אויס!
הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט;
לאנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט...

מיט א נאָדל און אָן א נאָדל

מיט א נאָדל און אָן א נאָדל,
ניי איך מיר בכבוד גדול.

און אז איך האָב א נאָדל מיט א פאָדים,
ניי איך מיר אָפּ די שנעסטע בגדים.
מיט א נאָדל און א נאָדל, א. אז. וו.

און אז איך האָב א נאָדל מיט פינגערהוט,
לעב איך מיר אָפּ מיין וועלט בארוט.
מיט א נאָדל און א נאָדל, א. אז. וו.
אבי איך נעם די שער און אייזן,
קען איך שוין מיין ווייב און קינדער שפּייזן.
מיט א נאָדל און א נאָדל, א. אז. וו.

איך פארלייג מיר א פוס אויף א פוס,
און זינג מיר א לידעלע צוקער־זיס.
מיט א נאָדל און א נאָדל, א. אז. וו.

איך ניי און ניי א גאנצע וואָך,
איך קען שוין נייען א פאריזער לאָך.
מיט א נאָדל און א נאָדל, א. אז. וו.

איך צי ארוים די פאסטריגן,
און טו א לעק פון דער מאַמעליגע.
מיט א נאָדל און אָן א נאָדל,
ניי איך מיר בכבוד גדול.

צען ברידער

צען ברידער זיינען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ליין;
איינער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן ניין.

אױ! שמערל מיט דער פידעלע,
טביה מיטן באַס,
שפּילט־זשע מיר א לידעלע
אויפן מיטן גאַס!
אױ — אױ — אױ — אױ — אױ — אױ,
שפּילט־זשע מיר א לידעלע
אויפן מיטן גאַס!

ניין ברידער זיינען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט פּראַכט,
איינער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן אַכט.

אױ! שמערל מיט דער פידעלע, א.אז.וו.

אַכט ברידער זיינען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ריבן,
איינער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן זיבן.

אױ! שמערל מיט דער פידעלע, א.אז.וו.

זיבן ברידער זיינען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט געבעקס,
איינער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן זעקס.

אױ! שמערל מיט דער פידעלע, א.אז.וו.

זעקס ברידער זיינען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט שטרימף,
איינער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן פינף.

אױ! שמערל מיט דער פידעלע, א.אז.וו.

פינף ברידער זיינען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ביר,
איינער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן פיר.

אױ! שמערל מיט דער פידעלע, א.אז.וו.

פיר ברידער זיינען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט בליי,
איינער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן דריי.

אָי! שמערל מיט דער פידעלע, א.אז.וו.

דריי ברידער זיינען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט היי,
איינער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן צוויי.

אָי! שמערל מיט דער פידעלע, א.אז.וו.

צוויי ברידער זיינען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ביינער;
איינער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן איינער.

אָי! שמערל מיט דער פידעלע, א.אז.וו.

איין ברודער בין איך מיר געווען,
האָב איך געהאַנדלט מיט ליכט;
שטאַרבן טו איך יעדן טאָג,
ווייל עסן האָב איך ניט.

אָי! שמערל מיט דער פידעלע, א.אז.וו.

דער בעל עגלה

1.

פֿאָר איך מיר ארוים אין אן ענגער בויד,
מיט פערדעלאך פיר אין דערברייט;
א חושך, א וויוגע, מען זעט ניט די וועלט,
די וועגן פארשאָטן, פֿאַרווייט.

וויאָ, וויאָ פערדעלאך,
וויאָ, וויאָ, אדלערלאך,
הויבט נאָר די קעפּעלאך הויך!
פירט די פֿאַרשווינדעלאך,
טרייסלט די ביינדעלאך,
וויאָ, אז גיין זאָל א רויך!

2.

איין פֿארשוין בעט מיך: רבי יודל, פֿאָרט גיך,
איך דארף דאָך צום גוטן אידן;
א צווייטער בעט מיך: מאַכט שנעלער רב איד,
איך דארף אָנקומען אויף דעם יאַריד.

וויאָ, וויאָ פערדעלאך,
וויאָ, וויאָ, אדלערלאך,
הערט ניט וואָס ס׳ריידן די לייט!
וואָס מיר גוטע אידעלאך,
וואָס מיר יאַרידעלאך,
וויאָ! א קרעטשמע איז ניט ווייט!

3.

געקומען אין א קרעטשמע שפּעט אין דער נאכט
און טרעף דאָרט א דייטשעל ביים וואָג;
א איד, א בעל חשבון, אן אייזערנער קאָפּ,
און ער מאכט א לחיים ביז טאָג.

אוי, אוי, קרעטשמערל,
אוי, אוי, דייטשעלע,
לעבן זאָלט איר לאנגע יאָר!
גיט מיר א כוס׳ע,
אָבער א גרויסע —
וויאָ! גיט נאָך א פּאָר!

4.

גענומען א כוס׳ע, א צווייטע און — יאָ,
ער שמייכלט און פרייט זיך, מיין דייטש;
פארטרינקען די פערדעלאך, פארטרינקען די בויד
געקומען א היים מיט דער בייטש...

יאָ, יאָ, ווייבעלע,
יאָ, יאָ, טייבעלע,
א גראָשן אויף שבת ניטאָ!
נאָר שאַ, שאַ, זאָרג נאָר ניט,
שאַ, שאַ, קלאָג נאָר ניט,
וויאָ! נאָר כוח איז דאָ!!!

א גנבה

פאָלקס־ליד

בא מיין רבי'ן איז געווען,
איז געווען בא מיין רבי'ן;
בא מיין רבי'ן איז געווען
א גנבה:

זיבן לייכטער ווי די בערן,
דריי אָן פיס און פיר אָן רערן,
בא מיין רבי'ן איז געווען
א גנבה.
בא מיין רבי'ן איז געווען... (ביז א גנבה).

זיבן העמדער ווי די בעכער,
דריי מיט לאַטעס, פיר מיט לעכער;
בא מיין רבי'ן איז געווען
א גנבה.
בא מיין רבי'ן איז געווען... (ביז א גנבה).

זיבן הענער ווי די ציגל,
דריי אָן קעפּ און פיר אָן פליגל;
בא מיין רבי'ן איז געווען
א גנבה...
בא מיין רבי'ן איז געווען... (ביז א גנבה).

זיבן מוידן ווי די סאָסנעס,
דריי אָן ציין און פיר אָן יאסלעס;
בא מיין רבי'ן איז געווען א גנבה.

גייט א גוי אין שיינקל אריין

גייט א גוי אין שיינקל אריין,
אין שיינקל אריין, אין שיינקל אריין,
טרינקט ער דאָרט א גלעזעלע וויין;
א כוסה׳לע אריין, א גרויסעלע אריין.
אוי, שיכור איז א גוי, שיכור איז א גוי,
שיכור איז ער, טרינקען מוז ער,
ווייל ער איז א גוי.

גייט א גוי פון שיינקל ארויס,
פון שיינקל ארויס, פון שיינקל ארויס,
ברעכט ער דאָרט א פּאָר שייבעלאך אויס,
א פּאָר פענסטערלאך אויס, לאָזט די פערדערן ארויס.
אוי, שיכור איז א גוי, שיכור איז א גוי,
שיכור איז ער, ברעכן מוז ער,
ווייל ער איז א גוי.

גייט א איד אין בית המדרש אריין,
אין בית המדרש אריין, אין בית המדרש אריין,
כאַפּט ער דאָרט א מנחה׳לע אריין;
א קדושה׳לע אריין, א ברכה׳לע אריין;
אוי, ניכטער איז א איד, ניכטער איז א איד,
ניכטער איז ער, דאוונען מוז ער,
ווייל ער איז א איד.

גייט א איד פון בית המדרש ארויס,
פון בית המדרש ארויס, פון בית המדרש ארויס,
קושט ער דאָרט א פּאָר מזוזה׳לאך אויס,
א פּרוכת׳ל אויס, א ספר׳ל אויס;
אוי, ניכטער איז א איד, ניכטער איז א איד,
ניכטער איז ער, קושן מוז ער,
ווייל ער איז א איד.

דער רבי אלימלך

פאלקס־ליד

1.

אז דער רבי אלימלך,
איז געוואָרן זייער פריילאך,
איז געוואָרן זייער פריילאך,
אלימלך,
האָט ער אויסגעטאָן דעם קיטל
און האָט אָנגעטאָן די היטל,
און געשיקט נאָך די פידלער — די צוויי.

און אז די פידלדיקע פידלער,
האָבן פידלדיק געפידלט,
האָבן פידלדיק געפידלט — האָבן זיי.

2.

און אז דער רבי אלימל
איז געוואָרן נאָך מער פריילאך,
איז געוואָרן נאָך מער פריילאך—אלימלך —
האָט ער אָפּגעמאכט הבדלה
מיטן שמש רב נפתלי,
און געשיקט נאָך די צימבלער — די צוויי.

און אז די צימבלדיקע צימבלער,
האָבן צימבלדיק געצימבלט,
האָבן צימבלדיק געצימבלט — האָבן זיי.

3.

און אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן גאָר שטארק פריילאך,
איז געוואָרן גאָר שטארק פריילאך—אלימלך—
האָט ער אויסגעטאָן די תפילין
און האָט אויסגעווישט די ברילן,
און געשיקט נאָך די פייקלער — די צוויי.

און אז די פייקלדיקע פייקלער,
האָבן פייקלדיק געפייקלט,
האָבן פייקלדיק געפייקלט —
האָבן זיי.

די דריי שוועסטער

אין ענגלאַנד איז דאָ א שטאָט לעסטער.
אין לאָנדאָן איז דאָ אזא סקווער,
אין סקווער שטייען טעגלאך דריי שוועסטער,
די שוועסטער — זיי קען ווער־ניט־ווער.

די איבעריקע שוועסטער באטראכטן
די עלטערע שוועסטער אָן האַס,
דען אלע דריי שוועסטער פאראכטן
די רוישיקע שטאָט און די גאַס...

די אינגסטע פארקויפט דאָרטן בלומען,
די מיטלסטע — בענדלאך פון שיך
און שפּעט בא דער נאַכט זעט מען קומען
די עלטסטע, וואָס האנדלט מיט זיך.

דאָך שפּעט בא דער נאַכט, ווען זיי קומען
צום נעסט׳ וואָס זיי רופן „אהיים",
באַנעצן זיי בענדלאך און בלומען
מיט טרערן, וואָס פליסן געהיים...

די מאַרסעליעזע

שטייט־אויף, איר אונטערדריקטע מאַסן,
און מאַכט פון שקלאַפעריי אַן ענד!
לאָזט ניט מער קיין לײדיקגייער פרעסן
די פרוכט פון אויסגעקוועלטע הענט! (בים).
הערט איר ניט, ווי עס רוישן שוין די וואָפן
קעגן אונזערע ברידער אויפן גאַס?
זעט איר דען ניט, ווי זיי ווערן בלאַס
פאר וואוט די בלוטזויגער און פפאַפען?

שטייט־אויף, איר ארבעטסלייט,
דערהויבט זיך מאַן פאר מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין איניקייט,
צום קאַמף מיט דעם טיראַן.

וואָס האָט איר, ברידער, צו פארלירן,
וואָס טויג א לעבן אייך אָן ברויט?
ווילט איר דען אייביק ווינטער פרירן,
און אייביק זומער ליידן נויט?
האָט איר ווירקלאך מורא פאר הארמאטן,
פאר א ביקס, א שפיז, אָדער א שווערד?
גייט איר דען ניט פאר דער צייט אין דר'ערד
טויזנטערווייז ווען אויך ניט דורך סאָלדאטן?

שטייט־אויף, איר ארבעטסלייט,
דערהויבט זיך מאַן פאר מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין איניקייט,
צום קאַמף מיט דעם טיראַן.

די שבועה

ברידער און שוועסטער פון ארבעט און נויט,
אלע, וואָס זיינען צוזייט און צושפּרייט,—
צוזאמען! צוזאמען! די פאָן איז שוין גרייט!
זי פלאטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!
צום שבועה! צום שבועה אויף לעבן און טויט!

הימל און ערד וועט אונז הערן!
עדות — די ליכטיקע שטערן!
א שבועה פון בלוט און פון טרערן!
מיר שווערן! מיר שווערן!

מיר שווערן צו קעמפן פאר פרייהייט און רעכט
מיט אלע טיראנען און זייערע קנעכט.

מיר שווערן באזיגן די פינסטערע נאַכט,
אָדער מיט העלדנמוט פאַלן אין שלאַכט!
הימל און ערד, א. אז. וו.

מיר שווערן צו פירן דעם הייליקן שטרייט,
ביז וואנען די וועלט וועט ניט ווערן באנייט!
קיין קבצן, קיין גביר, קיין הער און קיין שקלאַף!
גלייך זאָלן ווערן, ווער שטאַרק איז און שלאַף!
הימל און ערד, א. אז. וו.

מיר שווערן א טרייהייט אָן גרענעצן צום „בונד״
— נאָר ער קען די שקלאפן באפרייען אצינד!
זיין פאָן די רויטע איז הויך און איז ברייט!
מיר שווערן אים טרייהייט אויף לעבן און טויט!
הימל און ערד, א. אז. וו.

אויב איר זייט א סאָציאַליסט — איז אייער פּלאַץ אין
אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד

כדי צו דינען אקטיוו דער ארבעטער באוועגונג, מוז מען
זיין אן אקטיווער סאָציאַליסט —
א מיטגליד אין אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד

יעדער יוגנטלאכער ארבעטער דארף זיין א מיטגליד אין
דער סאָציאַליסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציע — צוקונפט